בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ל

יו"ל: י"ז טבת ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

גדר של חומרות 'יתירות'

"פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי'ן!"

דאס שוייס פון פורים

"ועכשיו" - און אצינדער!

"ועכשיו יש נחל נובע מקור חכמה"

פורים - א שווערערע עבודה ווי יום כיפור!

"אפשר דאס האט דער בעל שם טוב געמיינט?!"...

אז עס מאכט זיך אים א נסיעה

דריי יאר פארשיקט

די תיקוני מעלה פון די זיבן און צוואנציג קדושים!

איך ווייס ג-א-ר-נ-י-ש-ט!

"'ובהכרח' צריכין לבטל איזה שעה"

'הדרך' לארץ ישראל, וארץ ישראל 'ממש'

דער וועג קיין ארץ ישראל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #130**

בס"ד

# פרשת כי תשא

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 144#)

## גדר של חומרות 'יתירות'

(מדבר מר' אברהם ר' נחמן'ס) ער פלעגט קיינמאל נישט עסן קיין מאשין מצה, אבער אז ער איז געווארן קראנק מיט חולי מעיים האט ער זיך מתיר נדר געווען. ער האט נישט געקענט עסן קיין 'האנט מצה', עס האט אים געשאדט צום (מאָגן). ער האט געדארפט איינבראקן אויך; אז ער האט געהאט אזעלכע געוואלדיגע קרעמפן האט ער געמוזט האבן הייסע וואסער, פלעגט ער אלץ עסן הארטע ברויט און דאס איינבראקן אין הייסע וואסער; אז מען בראקט איין, איז עס ווייכער, עס איז בעסער צום מאגן. האט ער פסח אויך געמוזט אזוי טוהן - איינבראקן אין הייסע וואסער, האט ער זיך מתיר נדר געווען.

(השואל: עס איז געווען אין אומאן דארטן מאשין מצה?) אוודאי איז געווען. (השואל: אין רוסלאנד האט מען געבאקן מאשין מצה?) יא, אוודאי איז געווען. אבער מיר האבן געבאקן האנט מצות דארטן, מען האט זיך צונויף גענומען און געבאקן קאלעכיגע (- רינדעכיגע) מצות; כמעט אלע האבן געגעסן נאר האנט מצה.

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען א קראנקער מענטש, א חולה, ער האט נישט געקענט עסן קיין זאך - ער האט עס געמוזט איינבראקן. (ר' משה בינענשטאק: אויף בראקן האט ער זיך מתיר נדר געווען, אדער אויף מאשין מצה?) אויף אלעם.

ער איז געווען א חולה מעיים, א גרויסער בעל יסורים. ער פלעגט זאגן אזוי: "קיין דאקטוירים ניץ איך נישט, אבער היטן מוז איך זיך היטן!" - ער פלעגט זיך שטארק היטן.

(השואל: ביי אונזערע לייט פלעגט מען מקפיד זיין נישט צו עסן געבראקטס?) **נישט אלע. איינער וואס פירט זיך אלע יארן אז ער עסט נישט** (געבראקטס)**, האט ווייטער נישט געגעסן**[א]**. עס איז דא אזא חומרא פון 'געבראקטס' - דער שערי תשובה**[ב] **ברענגט עס אויך פון אסאך אז מען זאל זיך היטן פון געבראקטס; היינט איז דאך שוין דא דינע מצות, עס איז א חומרא**[ג]**.**

(השואל: דער רבי האט דאך נישט געהאלטן פון קיין חומרות!?[ד]) **דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין חומרות וואס מען זאל ווערן דערפון מרה שחורה'דיג**[ה]**. פונדעסטוועגן האט מען נישט געבראקט - אין רבי'נס צייטן האט מען אויך נישט געבראקט, מען האט געגעסן שמורה.**

**ר' נחמן טולטשינער פלעגט זאגן: "טאמער וועט ארייַנפאלן א שטיקל מצה דארטן אין דעם יויך, זאל מען מיר נישט אויסזאגן; א שטיקל מצה איז נישט קיין**

---

[א] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, ת"ע: רבינו אמר: **"מי שלא התחיל להחמיר ואינו נמנע מלאכול מצה שרוייה בפסח - אין צריך להחמיר; ומי שכבר קיבל עליו חומרא זו - שלא יפסיק לנהוג כך!"**.

[ב] על שו"ע או"ח סי' ת"ס, אות ב'.

[ג] עיין גם משנה ברורה סי' תנ"ח אות ד'.

[ד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד: גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד. כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים. וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה. כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת, 'וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא' וְכוּ' (עֲבוֹדָה זָרָה ג.), וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת' (קִדּוּשִׁין נד). וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר (וַיִּקְרָא י"ח): "וָחַי בָּהֶם", 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', (יוֹמָא פה:) כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל, **וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה**, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין, **וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם** (וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל). עיין גם שיחות הר"ן אות רל"ה.

[ה] עיין גם בליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות י"ט: כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא בְּכַמָּה בְּנֵי אָדָם שֶׁתָּעוּ מִדֶּרֶךְ הָאֱמֶת שֶׁבִּקְצַת דְּבָרִים מַחֲמִירִים עַל עַצְמָם יוֹתֵר מִדַּאי **וְיֵשׁ לָהֶם מָרָה שְׁחוֹרוֹת וְדִקְדּוּקִים רַבִּים** מַה שֶּׁאֲפִלּוּ כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים אֲמִתִּיִּים לֹא הִקְפִּידוּ עֲלֵיהֶם, וְהֵם מַרְבִּים לְדַקְדֵּק וּמְבַלְבְּלִים דַּעְתָּם בְּכַמָּה מָרָה שְׁחוֹרוֹת, עַד שֶׁאֵין יְכוֹלִין לְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי וְלַעֲשׂוֹת שׁוּם מִצְוָה כָּרָאוּי מֵחֲמַת בִּלְבּוּל דַּעְתָּם מֵהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם, וּבְמָקוֹם אַחֵר מְקִלִּין יוֹתֵר מִדַּאי, וכו' עיין עוד שם.

חמץ!". אז עס פאלט אריין א שטיקל מצה, מאכט מען שוין א שאלה אויף דאס גאנצע עסן - ניין - 'זאל מען מיר נישט אויסזאגן'.

אפילו אין רוסלאנד - ווען עס איז געווען שווער צו באקומען שמורה מצה - האט מיר נאשקע[ו] עליו השלום צוגעשיקט פון טולטשין געבאקענע מצה'לעך - 'שמורה מצה'.

ווי ווייט מען האט געקענט, האט מען זיך געהיט. נאר עס איז געווען צייטן וואס מען האט נישט געהאט. וואס איז שוין געווען אין רוסלאנד? אבער אז מען האט געקענט באקומען דארטן ווייץ און דאס אפמאלן, איז אויך געווען א הידור.

מען פלעגט נישט קויפן קיין מעל, נאר ווייץ, און מען האט דאס געוויזן א רב צו ס'איז כשר, און מען האט אליין גע'כשר'ט דער מיל - מיר האבן אכטונג געגעבן אויף דאס כשר'ן דער מיל, און נאכדעם האבן מיר געבאקן אין א אויוון קאלעכיגע מצות; וואס מען האט געקענט, האט מען געטוהן.

וואס הייסט א חומרא? א חומרא הייסט, אויב איך קען נישט ווער איך מרה שחורה'דיג.

אז איך האב אין שטוב א פאס - גיס איך אָן וואסער אויף גאנץ פסח; עס קומט מיר דאך אָן גרינג - א געשעפט האב איך?! - איך נעם א טאג פאר ערב פסח דער פאס, איך וואש איר אויס גוט, און דעם קראן מאך איך מיט א זייער - איך זייע איבער דאס וואסער, און איך גיס אריין א האלבע פאס מיט וואסער - האב איך גענוג אויף גאנץ פסח! - דאס איז נישט קיין חומרא, און אפילו אויב יא - אבער איך קען עס אויספירן, עס קאסט מיר נישט קיין (טרחא יתירה)[ז].

איינמאל איז געווען ביי מיר אַן ערב פסח וואס עס האט אנגעהויבן רינען די פאס, האב איך נישט געקענט צורעכטן דער פאס, האב איך דאס יאר נישט געהאט קיין וואסער אויף גאנץ פסח (פון פאראויס) - האב איך גענוצט דעם קראן מיט א זייער;

[ו] ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת זצ"ל.

[ז] עיין אודות ענין זה בשיחות הר"ן אות רל"ה, ובטעם זקנים קונטרס פ"ח.

וואס זאל איך טוהן? אז איך האב נישט געקענט - האב איך נישט געקענט! אבער אז איך קען דאס אויספירן - א הידור איז עס, עס איז א הידור![ח] אבער אז דער הידור מאכט דיר מרה שחורה'דיג - דאס איז שוין א מעשה בעל דבר[ט].

אמאל אין רוסלאנד [- אַן אפיקורס'ישע זאך,] איז געווען (צו פארקויפן) צוקער אויף וואס מען האט צוגעשריבן: "צוקער בֶּעז-רוּקִי" דאס הייסט, "אָן קיין הענט!" - הענט האבן נישט צוגערירט צו די 'בעריקעס' (- סלק שעושין ממנו הסוכר) ביז עס איז געווארן פארטיגע צוקער - דאס איז געווען מחמת ריינקייט, מענטשן האבן געוואלט דערפאר געבן עפעס מער. אזא מין צוקער איז כשר אויף פסח; אויב פון די בעריקעס ביז עס גייט ארויס דער צוקער רירט נישט צו קיין האנט נאר דורך אזעלכע מאשינען וואס איז דא, אזא מין צוקער מעג מען נוצן אויף פסח אויך. אז איינער וועט וועלן מחמיר זיין אויף דעם צוקער אויך, איז עס טאקע א חומרא יתירה.

❖ ❖ ❖

## "פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי'ן!"

[שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ד]

"אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה, שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח. כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח. וּבִתְחִלָּה הוּא בְּחִינַת פּוּר, כִּי פּוּרִים עַל שֵׁם הַפּוּר (אֶסְתֵּר ט. וְעַיֵּן

---

[ח] עיין שו"ת מהרש"ג ח"ב סי' כ"ח, ושו"ת מנח"י ח"ז סי' ל', ובשו"ת קרן לדוד סי' קכ"א.

[ט] עיין גם מזה בספר צוואת הריב"ש אות מ"ו, וזל"ש: **ואל ירבה בדיקדוקים יתירים** בכל דבר שעושה, **שזה כוונת היצר**, לעשות לאדם מורא שמא אינו יוצא בדבר זה **כדי להביא אותו לעצבות**, ועצבות היא מניעה גדולה לעבודת הבורא יתברך. גם עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ג, אות א': **וְעַל כֵּן עַל פִּי רֹב הָאָדָם נוֹפֵל לַעֲוֹנוֹת עַל עַל יְדֵי רִבּוּי הַמִּצְוֹת וְהַדִּקְדּוּקִים שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר** שֶׁמַּרְבֶּה לְהַחְמִיר וּלְדַקְדֵּק עָלָיו בְּיוֹתֵר וּמְפַתֵּהוּ לַמִּצְוֹת שֶׁלּוֹ וּמִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְוֹת וְאַחַר כָּךְ מְבִיאוֹ לִידֵי עֲוֹנוֹת חַס וְשָׁלוֹם. כִּי רִבּוּי הַחֻמְרוֹת וְהַדִּקְדּוּקִים זֶה בְּחִינַת רִבּוּי אוֹר שֶׁגּוֹרֵם שְׁבִירַת כֵּלִים חַס וְשָׁלוֹם כַּנַּ"ל שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁכִין כָּל הָעֲוֹנוֹת חַס וְשָׁלוֹם כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת 'אַל תִּצְדַּק הַרְבֵּה וְאַל תִּרְשַׁע הַרְבֵּה' (קֹהֶלֶת ז).

בְּכַוָּנוֹת הָאֲרִיזַ"ל בְּסוֹד הַפִּיל פּוּר וּבְסוֹד פָּרָה אֲדֻמָּה), **וְאַחַר כָּךְ נַעֲשֶׂה פָּרָ"ה, כִּי גַּם פּוּרִים הוּא בְּוַדַּאי הִלּוּךְ וְדֶרֶךְ לְפֶסַח.**

**"וְזֶהוּ בְּחִינַת** (שיר השירים ה): **'שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר'. 'שִׂפְתוֹתָיו' זֶה בְּחִינַת פֶּסַח - פֶּה סָח** (כַּמּוּבָא). **'שׁוֹשַׁנָּה' הִיא אֶסְתֵּר,** (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבְכִתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, וְשׁוֹשַׁנָּה גִּימַטְרִיָּא אֶסְתֵּר). **'נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר' זֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי - מָר דְּרוֹר** (חֻלִּין קלט:), **לְשׁוֹן חֵרוּת, בְּחִינַת חֵרוּת שֶׁל פֶּסַח".**

קומט דאך פון דאנעט אויס, פורים און פסח איז עפעס גאר איין זאך.

דעם רבי'נס טאכטער "חיה" איז אמאל געקומען אויף פורים קיין ברסלב, און "ר' נחמן חיה'לעס" איז נאך דעמאלט געווען א קליין קינד, האט זי אים מיטגענומען מיט זיך. איז זי געקומען קיין ברסלב און איז איינגעשטאנען ביי דעם ר' מרדכי ראטענהייז - ער האט געהאט אַן איינפאר (- בית מלון). דער ר' מרדכי איז נאך געווען ביים רבי'ן - ער איז געווען פון די דריי גבירים וואס פלעגן דארטן געבן דעם רבי'ן (- סיפקו לרביז"ל שני רענדליך בכל שבוע לפרנסתו)[י].

**האט מען געזאגט רבי נתן'ען: "חיה'קע איז געקומען מיט נחמן'ען און שטייט איין ביי מרדכי'ן". האט רבי נתן געזאגט: "אזוי איז; אז עס קומט פורים - שטייט איין נחמן ביי מרדכי'ן; פסח - שטייט איין נחמן ביים אור פון פסח; וואו עס קומט א יום טוב - דארטן שטייט איין דער רבי!"**[יא]. פסח שטייט דער רבי איין אין דעם אור פון פסח.

---

[י] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות ס"ו.

[יא] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות כ"ט: וְזֶה בְּחִינַת: "וּמָרְדְּכַי יָצָא מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת תְּכֵלֶת וָחוּר" וְכוּ', עַל יְדֵי זֶה, "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה", זוֹ תּוֹרָה וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִלָּה ט"ז), **"וּמָרְדְּכַי יָצָא וְכוּ' בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת וְכוּ'", זֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הֶאָרַת פְּנֵי הַצַּדִּיק** בְּכַמָּה גוונין וּלְבוּשִׁין נְהוֹרִין, **שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת הִסְתַּכְּלוּת פְּנֵי הַצַּדִּיק**, כִּי צְרִיכִין לְהִשְׁתַּדֵּל לְהִסְתַּכֵּל בּוֹ בְּעֵת יָפְיוֹ וַהֲדָרוֹ בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ל"ג) מֶלֶךְ בְּיָפְיוֹ תֶּחֱזֶינָה עֵינֶיךָ, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (סִימָן מ' בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא) וְעַל יְדֵי זֶה לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה זוֹ תּוֹרָה, כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה הוּא עַל יְדֵי הֶאָרַת פְּנֵי הַצַּדִּיק, כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל. וְזֶהוּ, **וְשִׂמְחָה זֶה יוֹם טוֹב**, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ שָׁם בְּמַסֶּכֶת מְגִלָּה כָּל הַמִּקְרָא הַזֶּה, עַיֵּן שָׁם. **כִּי יוֹם טוֹב עִקַּר קְדֻשָּׁתוֹ מֵהַצַּדִּיק. וּכְשֶׁמְּקַבֵּל קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב מְקַבֵּל פְּנֵי הַצַּדִּיק. וְעַל כֵּן חַיָּב אָדָם לְהַקְבִּיל פְּנֵי רַבּוֹ בָּרֶגֶל** (סֻכָּה כ"ה), כַּמְבֹאָר כָּל זֶה בְּהַתּוֹרָה "כִּי אֶקַּח מוֹעֵד" (בְּסִימָן קל"ה), עַיֵּן

דא איז דאך אויך אזוי; דער רבי זאגט דאך אז פורים און פסח איז גאר איין זאך, דאס הייסט אז מרדכי אליין איז פסח מיט פורים, ווייל 'מרדכי' איז 'מר דרור', וואס 'דרור' איז פסח, און 'מרדכי' איז דאך פורים.

## דאס שווייס פון פורים

"וְעַל כֵּן צֵרוּף שֶׁל פּוּרִים מְרֻמָּז בְּפֶסַח, בַּפָּסוּק (שמות כג): 'שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב, כִּי בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם וְלֹא יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם'. מִ'מִּצְרָיִם וְ'לֹא יֵ'רָאוּ פָ'נַי רֵ'יקָם רָאשֵׁי תֵבוֹת פּוּרִים".

איך געדענק, איך בין געווען אמאל ביי א שלש סעודות ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געלערנט דער תורה, האט ער געזאגט עפעס אז ווען דער רבי האט געזאגט דער תורה איז געווען א געוואלדיגע התעוררות! דער רבי האט דעמאלט געווארפן ווערטער: 'שפתותינו' איז 'פסח', 'שושנה' איז 'אסתר', 'מור' איז 'מרדכי' - א געוואלדיגע התעוררות איז דעמאלט געווען! דער רבי האט געווארפן די ווערטער, עפעס א געוואלדיגע התגלות ליגט דא אין די ווערטער.

"כִּי פּוּרִים הוּא דֶּרֶךְ לְפֶסַח, שֶׁיִּהְיוּ יְכוֹלִים לִהְיוֹת נִזְהָרִין מֵחָמֵץ".

אונזערע לייט פלעגן זאגן טאקע: **"אז מען שוויצט אום פורים, איז דאס א גרויסע זאך** (- סגולה) **אז מען זאל ניצול ווערן פון א משהו חמץ אום פסח!"**. דאס הייסט, ווייל בשעת מען שיכור'ט שוויצט מען דאך זייער - דאס איז א גרויסע זאך אז מען זאל קענען נזהר ווערן פון חמץ.

פורים איז דאך א 'דרך לפסח שיהיו יכולים להיות נזהרין מחמץ', און די עבודה פון פורים איז דאך דאס ענין פון שכרות, קומט אויס, איז דאס (שכרות) א 'דרך לפסח' אז מען זאל קענען זיין נזהר פון חמץ.

---

שָׁם, הַיְנוּ כִּי אָז נִמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם קְדֻשַּׁת הֶאָרַת פְּנֵי הַצַּדִּיק, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּחִינַת לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה זוֹ תּוֹרָה וְשִׂמְחָה, זֶה יוֹם טוֹב שֶׁהוּא בְּחִינַת קַבָּלַת פְּנֵי רַבּוֹ שֶׁחַיָּבִים לְקַבֵּל בְּיוֹם טוֹב וְכַנַּ"ל.

**"וּפָסַק בְּאֶמְצַע הָעִנְיָן וְלֹא גִּלָּה יוֹתֵר".**

- דער רבי זאגט דאך נישט מיט 'וואס', נאר אז פורים איז א דרך לפסח אז מען זאל קענען זיין נזהר פון חמץ.

פלעגן אונזערע לייט זאגן: "**די שמחה און די עבודה פון פורים איז** (א וועג) **וואס דורך דעם קען מען נזהר ווערן פון א משהו חמץ אום פסח!**".

## "ועכשיו" - און אצינדער!

**"כִּי בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. וְעַכְשָׁו, (וְלֹא סִיֵּם)".**

- ר' נחמן טולטשינער ברענגט אין דעם בריוו[יב]: "און היינט!". אבער ר' אברהם ר' נחמן האט געזאגט: "**און אצינדערט!**".

---

[יב] נדפס בסוף ספר עלים לתרופה, מכתב מיום ב' ח"י אדר שנת תרג"ל, וזל"ש: וּמַה שֶּׁמִּתְנוֹצֵץ לִפְרָקִים בִּלְבָבֵנוּ הִתְנוֹצְצוּת לְהַרְגִּישׁ מֵחָדָשׁ הַחִדּוּשִׁים הַנִּפְלָאִים אֲשֶׁר בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ נִשְׁאָר לָנוּ בְּרָכָה מֵאוֹרוֹ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה: **אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה, בִּתְחִלָּה הוּא פּוּר כִּי פּוּרִים עַל שֵׁם הַפּוּר וְאַחַר כָּךְ נַעֲשֶׂה פָּרָה, וְכָל זֶה הֲכָנָה לְפֶסַח, שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים וְכוּ' וְכוּ', וּמְרֻמָּז בַּתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה צֵרוּף פּוּרִים בְּהַפָּסוּק שֶׁמְּדַבֵּר מֵעִנְיַן פֶּסַח.** וּתְנוּעַת הַנִּגּוּן בִּרְמִיזוֹת הָעֵינַיִם וְהַיָּדַיִם הַקְּדוֹשִׁים וְהַנּוֹרָאִים שֶׁהָיָה מַרְאֶה לָנוּ תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹרִי וְרַבִּי מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה גַּם כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר אֲפִלּוּ פָּנִים אֶל פָּנִים מִכָּל שֶׁכֵּן בִּכְתָב. וּבִפְרָט מַה שֶּׁהִתְחִיל אַחַר כָּךְ בְּקוֹל רָם וְחָזָק: "**בִּתְחִלָּה הָיָה כָּל הַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט**", וּמָשַׁךְ בְּקוֹל נְעִימָה - "**אוּן הַיינְט**" - כַּמָּה רְגָעִים וְנִשְׁאַר בִּשְׁתִיקָה. מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר אַשְׁרֵינוּ שֶׁאָזְנֵינוּ זָכוּ לִשְׁמֹעַ כָּל זֹאת, וּבִפְרָט אֵיךְ שֶׁגִּלָּה לָנוּ מָרַן מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַד הֵיכָן שֶׁמִּתְנוֹצֵץ בְּלִבּוֹ הַזַּךְ כָּל זֹאת בְּכַמָּה צֵרוּפִים, וְאַחַר כָּךְ **תֵּכֶף** גִּלָּה הַתִּקּוּן שֶׁל הַיּוּד מִזְמוֹרִים בִּפְרָטִיּוּת וְהִזְהִיר אָז לְדוֹרוֹת בְּהַבְטָחָה גְּדוֹלָה בְּעֵדִים נֶאֱמָנִים שֶׁיַּעֲמֹד בְּעֶזְרָתֵנוּ סֶלָה תָּמִיד כָּל מִי שֶׁיָּבוֹא עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא וְכוּ', וְאַחַר כָּךְ **תֵּכֶף** סִפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַנּוֹרָאָה בְּיִרְאָה עִלָּאָה דְעִלָּאָה שֶׁל הַזַּיין בֶּעטְלֶירְס, וְאַחַר כָּךְ **תֵּכֶף** אַחַר פֶּסַח נָסַע לְאוּמַאן, וְכָל זֹאת גִּלָּה רְמָזִים מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁהַכֹּל אֶחָד וְהַכֹּל קֶשֶׁר אֶחָד וְכָלוּל בְּהַדִּבּוּר **אוּן הַיינְט**, וּבְהַהַמְשָׁכָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁמָּשַׁךְ תֵּבַת **אוּן הַיינְט** בַּאֲרִיכוּת נֹעַם:

**אוּן הַיינְט** צְרִיכִין לְגַלּוֹת הַמִּזְמוֹרִים בִּפְרָטִיּוּת וּלְהַבְטִיחַ הַבְטָחָה הַנַּ"ל!

**אוּן הַיינְט** צְרִיכִין לְסַפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל וּלְסַיֵּם אוּן אִיךְ הֵייל זִיא!

ער האט געזאגט אזוי: "און א-צ-י-נ-ד-ד-ע-ע-ע-ר-ט!" - ער האט דאס אזוי אויסגעצויגן - מסתמא האט דער רבי אזוי געזאגט.

מיר איז טאקע א חידוש פארוואס ר' נחמן שרייבט "און היינט", ווארום 'ועכשיו' איז דאך נישט טייטש 'און היינט', 'ועכשיו' איז דאך טאקע דער טייטש 'אצינדער'.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, דער רבי זאגט אין דעם (מאמר) "היום אם בקולו תשמעו"[יג], אז דער עיקר איז "היום" - דער "היינט"; "היום" האסטו דאך א גאנצע טאג; אבער "ועכשיו" איז אין 'דער' רגע, אין 'דער' רגע!

מען זאגט דאך (בהגש"פ): "מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ". דער 'ועכשיו' איז נאך מער התחדשות ווי דעם 'היום'; ביי דעם 'היום' האב איך א גאנצע טאג; אבער דער 'ועכשיו' איז טאקע אין דער רגע! אצינדער![יד]

---

**און הַיינְט** צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְאוּמַאן וְלִנְטֹעַ מְקוֹם קְדֻשָּׁתוֹ לְדוֹרוֹת עוֹלָם בְּאוּמָאן!

טוֹב לְהוֹדוֹת לַה' עַל אֲשֶׁר זָכִינוּ לֵידַע מִכָּל זֶה וּלְהִתְנוֹצֵץ בִּלְבָבֵנוּ אֵיזֶה מְעַט כְּמֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים, וּלְבָאֵר כָּל זֹאת אִי אֶפְשָׁר בִּכְתָב.

[יג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ער"ב.

[יד] עיין נחת השולחן (להרה"ג מטשעהרין) סי' תנ"ג: מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו. וזה תשובה מספקת וידיעה הכרחית לכל אחד, לבל יתפלא על עצמו מהנעשה עמו בכח בחירתו כי הוא פעם כשר ופעם פסול וכו', כי מושרש בנו דבר זה ממה שאבותינו היו מתחילה עובדי עבודה זרה ככל הגוים רק שבחסדו קירב אותנו אלו ובחר בנו מכל העמים וכו' וע"כ היצר הרע וכל האומות שהם בחי' הסט"א מתגרים בנו ביותר, רק שגם זאת צריך לידע שעכשיו קרבנו המקום לעבודתו, **וידוע** שמלת "**ועכשיו**" מגבלת את הזמן ביותר, **היינו ועכשיו דייקא בזה היום והשעה והרגע שאנו מדברין ועוסקין בו**. כי צריכין להאמין שבלילה הזאת ובפרט בשעה זו שישראל יושבין על הסדר ועוסקין בסיפור יציאת מצרים ולקיים המצות שבזאת הלילה נמשך אז מלמעלה הארה גדולה כזאת על כל אחד מישראל עד שכל אחד יכול להתקרב לעבודת השי"ת בהתקרבות אמיתי אפילו אם עבר עליו מה שעבר. [עיין מה שכתוב בזה בשיש"ק ח"ד, אות כ"ד: אנ"ש היו מדגישים ומבארים הרבה את הכתוב בספר נחת השלחן על הנאמר בהגדה: מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום וכו', שהנה זה דרך הבעל דבר תמיד להזכיר להאדם את פשעיו וחטאיו שמקודם, אולם אנו אין לנו אלא את ה"ועכשיו" קרבנו המקום", שהוא הרגע שעומד בו האדם, וכך בכל רגע ורגע, כי העבר אין, אין ממש. ועל ידי שיחשוב האדם רק על ה"ועכשיו" יזכה להתקרב אליו יתברך כראוי].

# "ועכשיו יש נחל נובע מקור חכמה"

"וְעַכְשָׁו, (וְלֹא סִיֵּם)". לויט ווי רבי נתן רעדט אין דער תפילה[טו], קומט אויס אז די התחלה איז פון פורים; נאר וואס דען? ווען מען דערמאנט זיך נאר אין רבי'ן קען מען מאכן א התחלה![טז].

'ועכשיו' איז 'אצינד'! ווען מען דערמאנט זיך נאר, קען מען מאכן א התחלה! איצטער![יז]

מיר איז טאקע קשה דער בריוו; לויט ווי איך האב עס געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, האט דער רבי געזאגט "אצינדערט". עס איז נישט קיין ראיה פון די ווערטער (פון דעם בריוו) אז דער רבי האט געזאגט "און היינט" (- מיט דעם לשון, נאר דער פשט איז:) "און היינט האבן מיר די צען קאפיטלעך תהלים", "און היינט האבן מיר די סיפורי מעשיות" - 'און היינט' האבן מיר דאס אלעס![יח].

---

[טו] חלק שני תפילה ל"ז, זה לשונו שם: מָלֵא רַחֲמִים, עָזְרֵנוּ וְהוֹשִׁיעֵנוּ לְקַיֵּם הַמִּצְוֹת שֶׁל פּוּרִים בִּקְדֻשָּׁה וּבְשִׂמְחָה גְדוֹלָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי זֶה לִהְיוֹת נִזְהָרִים בֶּאֱמֶת מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ בַּפֶּסַח ... אָבִי מַלְכִּי יוֹצְרִי וּבוֹרְאִי וְעוֹשִׂי, הוֹרֵנִי הַדֶּרֶךְ אֵיךְ לְהַתְחִיל מִבְּחִינַת קְדֻשַּׁת פּוּרִים, כַּאֲשֶׁר רָמַזְתָּ לָנוּ עַל יְדֵי חֲכָמֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים עכ"ל. עיין עוד שם כל התפילה בסגנון זה. עיין גם בליקוטי הלכות הל' בככת הריח ה"ד, אות כ"ה מש"ש, וזל"ש: עַכְשָׁו הַהַתְחָלָה שֶׁל הַגְּאֻלָּה וְתִקּוּן כָּל הָעוֹלָמוֹת הוּא מִפּוּרִים. כְּמוֹ שֶׁמּוּבָן מֵרְמָזֵי דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. בְּעֵת שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה עַל פָּסוּק מִ'מִּצְרַיִם וְ'לֹא יֵ'רָאוּ פָ'נַי רֵ'יקָם שֶׁהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת פּוּרִים. שֶׁאָמַר אָז כִּי מִתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח שֶׁהוּא יְצִיאַת מִצְרַיִם. וְעַכְשָׁו וְכוּ' וּפָסַק בְּאֶמְצַע וְלֹא סִיֵּם דְּבָרָיו. **וּמִתּוֹךְ דְּבָרָיו הֵבַנְתִּי שֶׁעַכְשָׁו הַהַתְחָלָה מִפּוּרִים.** שֶׁהוּא מְחִיַּת עֲמָלֵק שֶׁהִיא עִקַּר הַגְּאֻלָּה שֶׁל מָשִׁיחַ.

[טז] עיין במכתבי ר' נתן בר"י מיום ב' כי תשא ד' ימים קודם אור הפורים תרל"ו מש"ש, וז"ל: ואני אשלח לכם בעצמכם משלוח מנות דיבור אחד ששמעתי מאדמו"ר רבי נתן זצוק"ל מענין פורים שאמר רבינו ז"ל "מתחילה היו כל התחלות מפסח ועכשיו וכו' ולא סיים", **ושמעתי ממנו ז"ל שאמר "ועכשיו יש רבינו ז"ל שכל התחלות מאתו"** - שא"א להתחיל ליכנס בעבודת השי"ת כי אם ע"י ספרי רבינו ז"ל, וכל מי שיתמיד יותר בהם בודאי יכנס בשלום ויצא בשלום.

[יז] עיין טעם זקנים קונטרס קכ"ה, מה שהתבטא פעם רביז"ל בזה"ל: **"ווען מען דערמאנט זיך אין מיר איז מען 'כקטן שנולד'!"**.

[יח] נראה כוונתו, שעל כל הפתגמים האלו מתאים הלשון "און היינט" טוב יותר מלכתוב הלשון "און אצינדער", ודוק.

איך געדענק גוט דעם שלש סעודות, ער האט געזאגט דעם: "און אצינדער!" ער האט אויסגעצויגן "און א-צ-י-נ-ד-ד-ע-ע-ע-ר-ט!" - לאנג - און ער האט אויפגעהערט, האט מען געזעהן (- פארשטאנען) אז דער רבי האט אויך אזוי געזאגט.

"ועכשיו" קען מען נישט פארטייטשן אויף 'היינט', 'עכשיו' איז טייטש איצטער, 'אצינדער'.

דער 'ועכשיו' האט שייכות צו דעם אנדערן 'ועכשיו': "ועכשיו איז דא א 'נחל נובע מקור חכמה"[יט], וואס ווען מען דערמאנט איז אין אים, קען מען מאכן א התחלה!

(ר' משה: דער "באבי הנחל" - ר' ברוך אפרים, זאגט עפעס אויך אזוי: "**איצטער איז דא א ראש השנה! איצטער דארף מען פארן אויפן רבי'נס ציון! עס איז אזוי ווי די 'פרה אדומה' וואס איז 'מטמא טהורים' און 'מטהר טמאים', אזוי אויך דעם רבי'נס ציון איז דאך א בית החיים, אבער אז מען קומט צו דעם רבי'נס ציון ווערט מען א טהור!**"[כ]).

❖

---

[יט] חיי מוהר"ן קפ"ט.

[כ] עיין שם על תורה זו תורה ע"ד תניינא, וזל"ש: והנה לכאורה מובן כוונתו שעכשיו כל ההתחלות מפורים, אבל מה שלא סיים בפירוש מפורים, מזה מובן שמרומז עוד איזה כוונה בדבריו הקדושים, ואם כי מי אנכי להשיג רמיזותיו הקדושות, אעפ"כ אמרתי ויהי מה ואם שגיתי ה' יכפר בעדי. היינו כי קדושת שמו הקדוש גימטריא פסח במכוון, **ועכשיו כל ההתחלות כשבאין על ציון הקדוש על ראש השנה**, כי ראש השנה הוא לשון ראש והתחלה, ופסח הוא ג"כ התחלה, וזהו כי פורים על שם הפור ואח"כ נעשה פר"ה - הוא ר"ת פסח ראש השנה, היינו ששם נכללין כל התיקונים ביחד. וזהו ענין פרה אדומה שמטמא טהורים ומטהר טמאים, והיינו כי כשבאים על הבית עלמין ששם נקברו הרבה מתים אזי נטמאין שם וזהו מטמא טהורים, אבל ע"י שאומרים שם תהלים ותפילות ותחנונים מעומקא דלבא ובפרט אלו העשרה קפיטליך שצוה לאומרם על קברו הקדוש שהם תיקון נפלא ונורא מאד כמבואר בהשיחות, ע"ז מטהר טמאים, כי זוכין לתשובה ולתקן כל הקלקולים על ידי הצדיק הזה השוכן שם, ושם עושין התחלה מחדש לכנוס בעבודת ה' שזה בחינת פסח יציאת מצרים - לצאת מכל הטומאות ולזכות לקבלת התורה מחדש, וכל זה זוכין ע"י קדושת הציון הקדוש שהוא בגימטריא פסח. וזהו "אם אין קמ"ח אין תורה וד"ל. וזהו מה שאיתא בתיקונים (הובא בליקו"א סי' מ"ט) והיא נקראת כלה כד איהי בין תרין דרועין דמלכא, ותרין דרועין הם תשרי וניסן שהם פסח וראש השנה עיי"ש בסי' מ"ט הנ"ל שמחבר שם פסח וראש השנה. על כן כשבאין על ציון קברו הקדוש על ראש השנה אז נכללין כל התיקונים בשלימות נפלא וזוכין לתשובה ולגאולה שלימה בב"א.

# פורים - א שווערערע עבודה ווי יום כיפור!

(ר' יוחנן גאלאנט: רבי נתן האט געזאגט: "די עבודה פון פורים איז אים שווערער ווי דער עבודה פון יום כיפור!") **רבי נתן האט אזוי געזאגט: "די עבודה פון פורים איז ביי אים שווערער ווי דער עבודה פון יום כיפור!".**

(ר' משה: אלס וואס?) **ביי רבי נתן'ען איז פורים געווען פורים! ער האט געהאט אנדערע מוחין, מוחין פון שער הנו"ן, פורים שיינט דאך דער שער הנו"ן - אין דער תפילה איז אזוי מרומז[כא]. אויך אין דער הלכה פון "בכור בהמה טהורה"[כב] ברענגט ער טאקע פון דעם אר"י הקדוש אז אין פורים שיינט דער שער הנו"ן - אזא מין ליכטיגקייט שיינט אום פורים, דאס איז עפעס א געוואלד!**

**רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "אז מען שרייט דרייסיג טעג פריער 'הצילני מקליפת המן עמלק', קען מען זעהן מרדכי הצדיק ביי דער מגילה!"[כג].**

(אחד הנוכחים: דער וואס זעהט דער זאגט נישט אויס...) **מען זאגט אונז נאר צו וואס מען קען** (זוכה זיין). **דער רבי זאגט אונז אסאך זאכן וואס מען קען. אבער דער וואס האלט שוין דערביי, אוודאי זאגט נישט אויס. פונדעסטוועגן - מען קען, מען קען ווערן א צדיק, מען קען, מען קען!**

---

[כא] בליקוטי תפילות שם, וז"ל: נֵס זֶה שֶׁל פּוּרִים גָּדוֹל מִכָּל הַנִּסִּים שֶׁעָשִׂיתָ עִמָּנוּ מֵעוֹלָם, כַּאֲשֶׁר הוֹדַעְתָּ לָנוּ עַל יְדֵי חֲכָמֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וְכָל הַמּוֹעֲדִים יִהְיוּ בְּטֵלִים וִימֵי הַפּוּרִים לֹא נִבְטָלִים וּבַתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, כִּי כָל הַמּוֹעֲדִים הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם, וְעַכְשָׁו וְכוּ'.

[כב] אותיות ז, כ"ה. גם עיין הל' בשר בחלב ה"ה, אות י"ח; הל' ערלה ה"ה, אות י"ב, ועוד ועוד.

[כג] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות כ"ז: כִּי אִיתָא בִּדְבָרָיו זַ"ל (לִקּוּטֵי א' סִימָן קצ"ב) שֶׁדִּבּוּר אֱמֶת שֶׁל צַדִּיק הָאֱמֶת הוּא בְּחִינַת פָּנָיו וְשִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ וְכוּ'. וְאִיתָא שָׁם שֶׁבְּכָל סֵפֶר שֶׁל צַדִּיק יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת פָּנָיו וְכוּ', עַיֵּן שָׁם **וְזֶה בְּחִינַת מִקְרָא מְגִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָאָרַת פְּנֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר**, כִּי הֵם דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁלָּהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְגִלַּת אֶסְתֵּר ט'), "דִּבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת". כִּי כְּשֶׁקּוֹרִין אֶת הַמְגִלָּה וּמְפַרְסְמִין תֹּקֶף הַנֵּס שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר עַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם וְהַנְהָגוֹתֵיהֶם שֶׁנָּהֲגוּ אָז בְּחָכְמָה נִפְלָאָה וּבְצִדְקוּת נוֹרָא וּבִקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה **בָּזֶה מַרְאִין וּמְאִירִין אוֹר פְּנֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים שֶׁהוּא גָּנוּז בְּתוֹךְ הַמְגִלָּה הַקְּדוֹשָׁה, שֶׁהוּא סֵפֶר שֶׁלָּהֶם הַקָּדוֹשׁ**, עַל כֵּן עַל יְדֵי זֶה מֵאִיר עָלֵינוּ הָאָרַת פְּנֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הָיָה תֹּקֶף הַנֵּס.

אזוי פלעגט מען תמיד לערנען אין אומאן: "ועכשיו" - 'ווען מען דערמאנט זיך אין רבי'ן קען מען מאכן א התחלה!' עס האט א שייכות מיט יענעם 'ועכשיו' (-"ועכשו יש נ'חל נ'ובע מ'קור ח'כמה" כנ"ל).

(ר' משה: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט אויך זאגן חידושים בשעת ער האט דאס פארגעלערנט?) ניין, "ועכשיו" - 'און א-צ-י-נ-ד-ד-ע-ע-ר-ט' - אזוי אויסגעצויגן לאנג, און ער האט אויפגעהערט.

אויב ער האט געוואלט עפעס זאגן, האט ער שפעטער געזאגט. ער האט תמיד מדייק געווען, אז ער האט גערעדט דעם רבי'נס א זאך, האט ער נישט געוואלט אריינמישן זיינס; בשעת ער האט געזאגט דעם 'ועכשיו' האט ער נישט געוואלט זאגן קיין שום זאך, קיין שום געדאנק, נאר דאס; נאכדעם האט ער געקענט ארומרעדן א זאך.

אפילו אז ער פלעגט אמאל וועלן רעדן פון 'סיפורי מעשיות', פלעגט ער פריער אפליינען, ערשט נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו רעדן, ער האט נישט געוואלט איבערהאקן אינדערמיט.

ער פלעגט זאגן: 'א המשך פון א זאך איז א געוואלדיגע זאך!'. נישט איבערהאקן פריער אינדערמיט - נאכדעם וועט מען זאגן חידושים. אז מען ליינט שבת אין דער תורה, וועט מען איבערהאקן אינדערמיט?! אינמיטן קריאת התורה האקט מען נישט איבער!

❖ ❖ ❖

## "אפשר דאס האט דער בעל שם טוב געמיינט?!"...

[שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ה]

"הִסְתַּכְּלוּת פְּנֵי הַצַּדִּיקִים לְבַד הוּא גַּם כֵּן דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד. כִּי אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא גָּדוֹל מִן הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מַכּוֹת כב:): 'כַּמָּה טִפְּשָׁאֵי שְׁאָר אֱנָשֵׁי,

**דְקַיְמוּ מִקַּמֵּי סֵפֶר תּוֹרָה וְלָא קַיְמֵי מִקַּמֵּי גַּבְרָא רַבָּה'. נִמְצָא שֶׁהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא גָּדוֹל יוֹתֵר מִן הַתּוֹרָה. וְאֵצֶל הַתּוֹרָה מָצִינוּ, שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה,** (מִדְרָשׁ רַבָּה אֵיכָה בַּפְּתִיחְתָּא)**, כִּי הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ מַחֲזִירוֹ לְמוּטָב, מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹר הַצַּדִּיק, שֶׁהַהִסְתַּכְּלוּת בּוֹ לְבַד הוּא מוֹעִיל לִקְדֻשָּׁה מְאֹד, בְּוַדַּאי כְּשֶׁזּוֹכִין לְדַבֵּר עִמּוֹ טוֹב יוֹתֵר, אַךְ גַּם הַהִסְתַּכְּלוּת לְבַד הוּא גַם כֵּן דָּבָר גָּדוֹל".**

צום רבי'ן איז געקומען אַן אלטער איד, א זקן, און ער האט געזאגט אז ער וויל **אים עפעס פרעגן: "איך האב געהאט א ברכה פון אייער זיידן דעם בעל שם, אז איך וועל זוכה זיין צו זעהן משיח'ן, און איך בין שוין אַן אלטער איד און איך האב אים נאך נישט געזעהן - ווען וועל איך אים זעהן?"** האט דער רבי געגעבן א שמייכל - ער האט אים גארנישט געענטפערט, און דער איד איז אוועקגעגאנגען. ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט דער איד געטראכט: **"אוי, אפשר דאס האט דער בעל שם געמיינט - אז איך וועל זעהן דעם איד!"**[כד].

(ר' יוחנן: אז מען קוקט אויף אונזערע לייט מיט א גוט אויג, זעהט מען דעם רבי'ן!) **דער טשעהרינער רב, אזוי** (בשעת התפילה) **איז ער דאך געשטאנען מיט דעם פנים צו דער וואנט, אבער פאר מנחה ערב ראש השנה איז ער ארומגעגאנגען - ער האט יעדן איינעם אנגעקוקט; מען האט געוואוסט - 'דער רב גייט ארום!' - יעדן איינעם האט ער אנגעקוקט.** ער האט געזאגט: **"אט דאס איז 'ראיית פני הצדיק'!"**[כה].

**ערב ראש השנה - יעדער איינער איז דאך געווען גוט אויסגעוויינט ביים רבי'נס ציון! איי איי - וואס עס האט זיך איבערגעטוהן אַן ערב ראש השנה פון חצות לילה ביז מנחה, אַה! עס איז גארנישט געווען קיין שום דרך הטבע, א**

---

[כד] עיין כוכבי אור חלק חכמה ובינה בהקדמה: וְעַתָּה כְּפִי אֲשֶׁר נוֹדַע הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֵּר רַבֵּנוּ ז"ל בְּעֵת אֲשֶׁר גִּלָּה אֶת הַמַּאֲמָר הַמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא סִימָן כ"ח, דַּע שֶׁיֵּשׁ חִלּוּקִים בֵּין הַתּוֹרוֹת וְכוּ', וּמוֹרֵנוּ רַבִּי נָתָן זַצַ"ל מֵעֹצֶם הֶרְגֵּשׁוֹ בִּזַּכּוּת לְבָבוֹ אֶת עֹמֶק נוֹרְאוֹת דְּבָרָיו עַד כִּי בָּעֲרוּ בְּקִרְבּוֹ כְּלַהֶבֶת שַׁלְהֶבֶת מַמָּשׁ, לֹא יָכֹל לְהִתְאַפֵּק, וְנָתַן אֶת קוֹלוֹ בִּפְנֵי כָּל הַנִּצָּבִים עָלָיו, אוּלַי כָּךְ הוּא הַפֵּרוּשׁ מַה שֶּׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל (סַנְהֶדְרִין צז) 'אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא בְּהֶסַּח הַדַּעַת', הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בָּעוֹלָם וְלֹא יֵדְעוּ כִּי כְּבָר הוּא וְכוּ' וְרַבֵּנוּ ז"ל גִּלָּה אֶת עֵינָיו וְהֶרְאָה לוֹ 'רַב נַחְמָן אָמַר כֵּן אִי מִן חַיֵּי אֲנָא' (שם דף צח:).

[כה] עיין בספרו פרפראות לחכמה סי' ד' אות כ"ד.

קליין שטיבעלע, און אזוי - "עומדים צפופים ומשתחוים רווחים"! איי וואס עס האט זיך איבערגעטוהן אין דעם טאג, די בכיות, עס איז געווען געוואלדיג! יעדער איינער איז דאך געווען מער צו ווינציגער, אבער ער איז דאך געווען אינעוויינינג, עס איז געווען א געוואלד וואס עס האט זיך דארטן איבערגעטוהן אין דעם טאג! א געוואלד, א געוואלד! און וואס האבן אידן געבעטן? נאר געבעטן אויף אידישקייט! איך ווייס נישט צו עמיצער האט געבעטן עפעס גשמיות! נאר געבעטן אויף אידישקייט! נו, אז אזעלכע אידן קומען צו גיין ערב ראש השנה פארנאכט אריין צו מנחה, מיט אַן אמונה צום רבי'ן, האבן זיי טאקע געהאט אנדערע פנים'ער, איז טאקע געווען א בחינה פון 'ראיית פני הצדיק'!

❖ ❖ ❖

## אז עס מאכט זיך אים א נסיעה

[שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ו]

זאגט דער רבי וויטער: "יִשְׂרָאֵל הֵם נַעֲשִׂים אֲדוֹנִים לְבַעֲלֵיהֶם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, (סַנְהֶדְרִין קד): 'כָּל מָקוֹם שֶׁהֵם הוֹלְכִים, נַעֲשִׂים שָׂרִים לַאֲדוֹנֵיהֶם'. כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם בָּאִין בַּגָּלוּת, בַּתְּחִלָּה הֵם כְּבוּשִׁים בַּגּוֹלָה, אֲבָל אַחַר כָּךְ הֵם נַעֲשִׂים אֲדוֹנִים לְבַעֲלֵיהֶם, כִּי אַחַר כָּךְ הֵם כּוֹבְשִׁים אֶת הַמָּקוֹם הַהוּא שֶׁהֵם בָּאִים בַּגּוֹלָה שָׁם. כִּי יִשְׂרָאֵל הֵם מְרִימִין וּמַעֲלִין כָּל הַמְּקוֹמוֹת הַשְּׁפָלִים וְהַנְּפוּלִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִלָּה ו): 'עֲתִידִין בָּתֵּי תֵּרְטִיאוֹת וְקִרְקְסִיאוֹת שֶׁיִּלְמְדוּ בָּהֶן תּוֹרָה בָּרַבִּים', שֶׁנֶּאֱמַר (זְכַרְיָה ט): 'וְנִשְׁאַר גַּם הוּא לֵאלֹקֵינוּ' וְכוּ' עַיֵּן שָׁם. כִּי יִשְׂרָאֵל מַעֲלִין וּמְנַשְּׂאִין כָּל הַמְּקוֹמוֹת הַנְּפוּלִין, וְעַל כֵּן נִקְרָאִין יִשְׂרָאֵל בַּגָּלוּת בְּנֵי הַגּוֹלָה. כִּי אַף עַל פִּי שֶׁאַחַר כָּךְ הֵם נַעֲשִׂים אֲדוֹנִים, וּמְקִימִין וּמְנַשְּׂאִין וּמַעֲלִין הַכֹּל, אַף עַל פִּי כֵן בַּתְּחִלָּה הֵם בַּגָּלוּת, כִּי אַף עַל פִּי כֵן הֵם נָע וָנָד בַּגָּלוּת, אֲבָל אַחַר כָּךְ הֵם מַעֲלִין וּמְנַשְּׂאִין הַכֹּל כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן נִקְרָאִין בְּנֵי הַגּוֹלָה, כִּי זֶה אוֹתִיּוֹת 'גּוֹלָה' רָאשֵׁי תֵבוֹת: 'וְ'נִשְׁאַר גַּ'ם הֹ'וּא לֵ'אלֹקֵינוּ'. כִּי אַחַר כָּךְ הֵם מַעֲלִין וּמְנַשְּׂאִין הַכֹּל, בִּבְחִינַת: 'וְנִשְׁאַר גַּם הוּא

**לֵאלֹקֵינוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'עֲתִידִין בָּתֵּי תֵּרְטִיאוֹת וְקִרְקְסִיאוֹת' וְכוּ', כַּנַּ"ל".**

**מען קען אויך זאגן, דערפאר טאקע האט דער רבי געזאגט[כו]: "אויב עס מאכט זיך א נסיעה, זאל מען זיך נישט שפּאָרן!" ווייל אידן וואו זיי קומען ווערט דאך דאס ארט נאכדעם** (פארן אויבערשטן)**, דערפאר אויב עס מאכט זיך א נסיעה זאל מען זיך נישט שפארן.**

**אז עס מאכט זיך אמאל א נסיעה צו אַן ארט וואו ער איז נאך קיינמאל נישט געווען, אפשר דארף דאס ארט ווערן אויפגעהויבן, וואס אז מען קומט אהינצו און מען זאגט א אידיש ווארט, דערמיט איז מען 'מעלה ומנשא' דעם ארט, "ונשאר גם הוא לאלקינו".**

(ר' משה: עס איז דא עפעס א לשון פון רבי נתן'ען: 'אז מען פארט - פארפירט מען זיך'?) **רבי נתן האט נישט אזוי געזאגט! דער רבי האט נישט געהאלטן אז די פרנסה זאל זיין פון ארומפארן, ער זאל נישט זיין אַן ארומפאָרער - דאס האט דער רבי נישט געהאלטן[כז], אבער אז עס מאכט זיך א נסיעה - -**

---

[כו] שיחות הר"ן אות פ"ה, וזל"ש: אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ עַל עִנְיַן נְסִיעָה לְאֵיזֶה מָקוֹם, אִם יִסַּע לְשָׁם. הֵשִׁיב לוֹ: כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם נְסִיעָה לְפָנָיו, אֵין לוֹ לְהִתְעַקֵּשׁ לִמְנֹעַ מִזֶּה לֵישֵׁב בְּבֵיתוֹ דַּוְקָא. כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁאָדָם נוֹסֵעַ לְשָׁם הוּא מְתַקֵּן שָׁם אֵיזֶה דָּבָר. רַק שֶׁיִּזָּהֵר לִהְיוֹת שָׁמוּר מִן הָעֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם, אֲבָל כְּשֶׁהוּא רַק שָׁמוּר מִן הָעֲבֵרָה חַס וְשָׁלוֹם. **אֲזַי כָּל אָדָם מְתַקֵּן בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא נוֹסֵעַ לְשָׁם. אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט לְגַמְרֵי. כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁהָאָדָם בָּא לְשָׁם, הוּא עוֹשֶׂה שָׁם בְּוַדַּאי אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה עַל־כָּל־פָּנִים.** כִּי מִתְפַּלֵּל שָׁם וְאוֹכֵל שָׁם וּמְבָרֵךְ עַל אֲכִילָתוֹ לְפָנָיו וּלְאַחֲרָיו וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה. כִּי בְּוַדַּאי אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי אֲפִלּוּ הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, עַל־כָּל־פָּנִים הוּא עוֹשֶׂה כַּמָּה דְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה בְּכָל מָקוֹם אֲשֶׁר הוּא שָׁם. וְעַל־כֵּן בְּוַדַּאי הָאָדָם מֻכְרָח מִן הַשָּׁמַיִם לִהְיוֹת שָׁם בְּאוֹתוֹ מָקוֹם דַּוְקָא כְּדֵי שֶׁיְּתַקֵּן שָׁם מַה שֶּׁהוּא דַּיְקָא צָרִיךְ לְתַקֵּן שָׁם. עַל־כֵּן הוּא טוֹבָה לְפָנָיו מַה שֶּׁנִּזְדַּמֵּן לוֹ נְסִיעָה לְשָׁם, כִּי אוּלַי יִהְיֶה מֻכְרָח לָבוֹא לְשָׁם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת פט:) עַל יַעֲקֹב אָבִינוּ: רָאוּי הָיָה יַעֲקֹב לֵירֵד לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל אֶלָּא וְכוּ'. כְּמוֹ כֵן הוּא בְּכָל אָדָם. שֶׁהוּא טוֹבָה לְפָנָיו מַה שֶּׁמִּזְדַּמֵּן לוֹ נְסִיעָה לְשָׁם. כִּי בְּלֹא זֶה אוּלַי הָיָה מֻכְרָח לֵירֵד לְשָׁם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת וְכוּ' חַס וְשָׁלוֹם, כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. וְכָל זֶה דִּבֵּר עִם אִישׁ פָּשׁוּט לְגַמְרֵי. כִּי אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט לְגַמְרֵי מִיִּשְׂרָאֵל מְתַקֵּן גַּם־כֵּן בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא וּבִלְבַד שֶׁיְּהֵא שָׁמוּר וְכוּ' כַּנַּ"ל. כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. (וְסוֹד זֶה מְרֻמָּז בְּ"פְרִי עֵץ חַיִּים" בְּשַׁעַר קְרִיאַת שְׁמַע פֶּרֶק ג בְּכַוָּנוֹת זְכִירַת יְצִיאַת מִצְרַיִם עַיֵּן שָׁם וְהָבֵן).

[כז] עיין שיש"ק (ישן) ח"ב, אות קפ"ב; ובשיש"ק (חדש) ח"ג, אות פ"ה.

אפילו צו זיין א מלמד האט דער רבי נישט געהאלטן - 'א שפחה כנענית!'[כח] אבער אז עס מאכט זיך א נסיעה אזוי, זאל מען זיך נישט שפארן, אפשר דארף ער זיין דארט אויף דעם ארט, וואס אז ער קומט אהינצו, איז ער כובש דעם ארט און ער איז דאס מעלה צום אויבערשטן - אזוי זאגט דער רבי דא.

## דריי יאר פארשיקט

עס איז געווען די מעשה מיט דעם רבי'נס תלמיד ר' שמעון'לע[כט]. וואו איז ער געווען? אין אזעלכע ערטער וואס דארטן איז דאך נאך קיינמאל נישט דערמאנט געווארן דעם אויבערשטנ'ס נאמען, אין די רוסישע טיפע ערטער, עס איז א געוואלד געווען דארט, דריי יאר איז ער געווען דארטן. אז ער איז געקומען קריק, האט ער גארנישט געוואוסט וואס איז געווען (- פשר הדבר), ער האט עפעס נישט געקענט אוועקפארן צוריק; וואו ער האט זיך געדרייט, איז ער אלץ געווארן נאך מער אריינגעדרייט און אריינגעדרייט.

דער רבי האט אים אמאל געזאגט: "דו האסט דערווערד מען זאל דיר פארשיקן!". איז ער געווען דריי יאר דארטן. נאכדעם האט ער געהאט א נסיון

---

[כח] עיין שיחות הר"ן אות רמ"א: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁהִקְפִּיד מְאֹד עַל הַמְלַמְּדִים שֶׁלּוֹמְדִים בְּעִיר אַחֶרֶת חוּץ לְבֵיתָם וְקָרָא אוֹתָם בִּלְשׁוֹן גְּנַאי גָּדוֹל. וְאָמַר שֶׁהַמְלַמֵּד שֶׁלּוֹמֵד חוּץ לְבֵיתוֹ דּוֹמֶה אֶצְלוֹ כְּמוֹ **שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית**.

[כט] עיין שיחות הר"ן את קע"ג: שָׁמַעְתִּי מֵאֲנָשִׁים שֶׁאָמַר לְרַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעֵת שֶׁבָּא מֵעֵבֶר לַגְּרֶענִיץ (מֵעֵבֶר לַגְּבוּל) שֶׁנִּתְרַחֵק לְשָׁם אֵיזֶה שָׁנִים וְלֹא רָאָה אֶת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֵרֶךְ שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְיוֹתֵר, מֵחֲמַת הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהָיָה בְּמֶעדְוֶועדְווּקֶע שֶׁהִקְפִּיד עָלָיו רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ', וְאֵינִי בָּקִי בַּמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת הֵיטֵב. וּמֵחֲמַת זֶה אָמַר רַבֵּנוּ פַּעַם אַחַת: אֲנִי רוֹצֶה לְשַׁלֵּחֲךָ (שֶׁקּוֹרִין פַּאר שִׁיקֶען) מֵעֵבֶר לַנָּהָר דַּאן. וְסִבֵּב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סִבּוֹת שֶׁבְּסָמוּךְ מְאֹד נִתְגַּלְגֵּל הַדָּבָר שֶׁנָּסַע רַבִּי שִׁמְעוֹן לְשָׁם לִסְבִיבוֹת נְהַר דַּאן הַנַּ"ל שֶׁהוּא רָחוֹק בְּעֵרֶךְ מֵאָה פַּרְסָאוֹת וְיוֹתֵר מִמֶּעדְוֶועדְווּקֶע. כִּי שָׁם עִקַּר מְדִינַת רוּסְיָא כַּיָּדוּעַ, וִיהוּדִים אֵינָם נִמְצָאִים שָׁם כִּי אִם אֶחָד מֵאֶלֶף. וּבִפְרָט לִפְנֵי כַּמָּה שָׁנִים. וְנָסַע רַבִּי שִׁמְעוֹן לְשָׁם לְפִי שָׁעָה. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סִבֵּב שֶׁנִּתְקַיֵּם דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְהֻכְרַח רַבִּי שִׁמְעוֹן לְהִתְעַכֵּב שָׁם כַּמָּה שָׁנִים. וּמַה שֶּׁעָבַר עַל רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּאוֹתָן הַשָּׁנִים יִקְצְרוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת. כִּי הָיָה דָּר בֵּין הַגּוֹיִים כַּמָּה שָׁנִים וְכוּ'. וְהָיָה לְרַבִּי שִׁמְעוֹן שָׁם כַּמָּה נִסְיוֹנוֹת. וּבְתוֹךְ כָּךְ בְּאוֹתָן הַשָּׁנִים שֶׁהָיָה רַבִּי שִׁמְעוֹן שָׁם, בְּתוֹךְ כָּךְ יָצָא רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מִזְּלַאטִיפָּאלְיֶע וְקָבַע דִּירָתוֹ פֹּה בְּרֶסְלַב. וְיָשַׁב כָּאן לְעֵרֶךְ שְׁתַּיִם אוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים. וְאַחַר כָּךְ בָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לְכָאן.

**דארטן - א גאנצע מעשה. אז ער האט געהאט דעם נסיון, האט ער געהאט א געוואלדיגע מרירות פון דעם נסיון. האט זיך אנגערופן דער רבי: ״נו, עס איז שוין א רחמנות אויף אים, ער דארף זיך אומקערן קריק!״ - דעמאלט האט ער שוין געפונען עפעס א וועג און ער צוריק געקומען.**

(ר׳ משה: ער האט זיך עפעס צעריסן א ליפ? וואס איז געווען?) **עס איז געווען**[ל] - -

**האט ער נאכדעם דערציילט, ער ווייסט גארנישט פארוואס ער האט נישט געקענט קומען קריק, ער ווייסט גארנישט וואס מיט אים איז געווען, ער האט נישט געקענט געפינען קיין וועג ווי ער זאל ארויס; ווי ער האט געוואלט ארויס - איז ער אלץ אריין צוריק. ער איז דאך נישט געווען פארמישט דארטן מיט עפעס - - אזוי איז געווען, ער איז געווען דארטן אלס מסחר אין די טיפע רוסישע ערטער, ער האט נישט געקענט קומען קריק.**

**ווען ער האט געהאט דעם נסיון און ער האט עומד בנסיון געווען, האט דער רבי געזאגט: ״נו, עס איז שוין א רחמנות אויף אים!״ - האט דער רבי שוין געזעהן ער זאל צוריק קומען - האט ער ׳שוין׳ א וועג, איז ער ׳שוין׳ דא צוריק.**

**נו, אזא צדיק, מיט התבודדות, גלויבן מיר אז ער האט דארטן מעלה געווען די ערטער, איז דארטן גאר דערמאנט געווארן דעם אויבערשטנ׳ס נאמען! כאטש די זאך איז דאך געטוהן געווארן אלס א מין עונש, אבער א צדיק - אפילו מען גיט אים אַן עונש - פון דעם עונש אליין ווערט נאכדעם גרויסע תיקונים!**

**וואו א איד קומט אהין, דארף ער זעהן דארטן עפעס טוהן גוטס, ווייל אז דער אויבערשטער האט אים דארטן געשיקט, דארף ער מעלה זיין דעם ארט. מיט וואס**

---

[ל] עיין שיש״ק ח״ב, אות רל״ד: פַּעַם הִלְוָה רַבֵּנוּ מָעוֹת לְרַבִּי שִׁמְעוֹן הַמְכוּנֶּה רַבִּי שִׁמְעַ׳לֶה שֶׁהָיָה תַּלְמִידוֹ וּמְשַׁמְשׁוֹ, וְרַבִּי שִׁמְעוֹן הִכְנִיס אֶת הַמָּעוֹת בְּאֵיזֶה עֵסֶק וְלֹא הֶחֱזִיר אֶת הַמָּעוֹת לְרַבֵּנוּ בְּעִתּוֹ, הִקְפִּיד עָלָיו רַבֵּנוּ וְאָמַר לוֹ: ״נוּ, אַתָּה שָׁוֶה שֶׁיְּגָרְשׁוּךְ״ ״דוּ בִּיסְט וֶוערְד מ׳זָאל דִּיר פַארְשִׁיקְן״, וְכֵן הֲוָה, שֶׁמִּשּׁוּם מַה נָסַע לְעֵבֶר נְהַר דַּאן שֶׁרָחוֹק מְאֹד מֵאוּקְרַאִינָה, וְלֹא הָיוּ דָּרִים שָׁם יְהוּדִים כְּלָל, וְכָל מַה שֶּׁעָשָׂה וְהִשְׁתַּדֵּל לַחֲזוֹר לֹא הָיָה יָכוֹל, כִּי הִסְתַּבֵּךְ שָׁם מֵעִנְיָן לְעִנְיָן עַד שֶׁשָּׁהָה שָׁם שָׁלֹשׁ שָׁנִים, וּבְסוֹף שְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים הָיָה לוֹ נִסָּיוֹן, וְעָמַד בַּנִּסָּיוֹן, בָּזֶה שֶׁקָּרַע אֶת שְׂפָתָיו מִפָּנֶיהָ, וּמֵחֲמַת זֶה נִצַּל מֵהַנִּסָּיוֹן, וְאָז אָמַר רַבֵּנוּ: ״שֶׁכְּבָר רַחְמָנוּת עָלָיו וּצְרִיכִים לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם״ וְאָז חָדְלוּ הַמְּנִיעוֹת, וְחָזַר לְרַבֵּנוּ. וּכְשֶׁחָזַר אָמַר לוֹ אָז רַבֵּנוּ אֶת הַשִּׂיחָה הַמּוּבֵאת בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קעג, עַיֵּן שָׁם.

**איז ער עס מעלה? ער מאכט א ברכה, ער לערנט עפעס, ער רעדט א דיבור - דערפאר איז ער געקומען אויף דעם ארט, וואס דען טוהט ער דארטן?!...**[לא]

## די תיקוני מעלה פון די זיבן און צוואנציג קדושים!

**אפילו די וואס זענען נישט צוריק געקומען נעבאך, אונזערע צדיקים, די וואס זענען פארשיקט געווארן - (ר' משה: קיין סיביר?) נישט סיביר, פון סיביר זענען דאך אלע צוריק געקומען. 'זיי' זענען פארשיקט געווארן אין אזעלכע ערטער וואס דארטן ווייסט מען נישט ווען ס'איז טאג און ווען ס'איז נאכט, רחמנא ליצלן וואס דארטן איז, קיינער קומט נישט פון דארטן צוריק קיין לעבעדיגער.**

**פונדעסטוועגן, עס איז אפגעטוהן געווארן גרויסע תיקונים דורך זייער זיין דארטן, כאטש זיי זענען דארט נעבעך אלע אומגעקומען, מען ווייסט דאך גארנישט וואס מיט זיי איז געווארן...**

**די ווייבער זענען געגאנגען דארטן אין די "ען. קע. װע. דע."**[לב] **זיך נאכפרעגן, האט מען זיי געענטפערט: "אז איר וועט דארפן וויסן, וועט מען אייך שיקן זאגן; אז מען איז אייך נישט מודיע - זאלט איר מער נישט קומען פרעגן!"...**

**- רוסישע רשעים ענטפערן אזא ענטפער.**

---

[לא] עיין גם מזה בליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות מ"ה, וזל"ש: אִיתָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל בַּכַּוָּנוֹת, וַהֲבִיאֵנוּ לְשָׁלוֹם מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ וְכוּ' שֶׁבְּכָל מָקוֹם בָּעוֹלָם שֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל נִדְחֶה לְשָׁם בְּגָלוּת בְּאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ כָּל יִשְׂרָאֵל גָּלוּ לְשָׁם וְעַל יְדֵי זֶה מְבָרֵר נִיצוֹצוֹת מִשָּׁם וְעַל יְדֵי זֶה בָּאִין לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עַיֵּן שָׁם בַּאֲרִיכוּת שֶׁזֶּהוּ סוֹד מַה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל מְפֻזָּרִין עַכְשָׁו בַּגָּלוּת בִּמְקוֹמוֹת הָרְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה מְאֹד. **וְהִנֵּה זֶה הָעִנְיָן הוּא דָּבָר נִסְתָּר וְנֶעְלָם מְאֹד, וְאִי אֶפְשָׁר לַהֲבִינוֹ**, כִּי אָנוּ רוֹאִים שֶׁבִּמְדִינוֹת הָרְחוֹקִים מִיְּשִׁיבוֹת יִשְׂרָאֵל כְּמוֹ בִּמְדִינוֹת **מָאסְקְוֶוע** נִדְחוּ לְשָׁם יְהוּדִים מֻעָטִים וְדָרִים בֵּין הַרְבֵּה עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים יְהוּדִים מְתֵי מְעַט, עַד שֶׁיֵּשׁ עֲיָרוֹת הָרְחוֹקִים יוֹתֵר שֶׁאֵין נִמְצָאִים שָׁם יִשְׂרְאֵלִים כִּי אִם אֶחָד אוֹ שְׁנַיִם בְּעִיר גְּדוֹלָה. וְהִנֵּה אָנוּ רוֹאִים בְּעֵינֵינוּ שֶׁרֹב אֵלּוּ הַיְּהוּדִים הַדָּרִים בִּמְקוֹמוֹת כָּאֵלֶּה רֻבָּם כְּכֻלָּם אֵינָם צַדִּיקִים כְּלָל, וְהַלְוַאי הָיוּ בֵּינוֹנִים כִּי הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵה' יִתְבָּרַךְ וְאִי אֶפְשָׁר לְהַאֲרִיךְ בָּזֶה שֶׁלֹּא לְדַבֵּר עַל אֵיזֶה מִיִּשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם, כִּי גַּם פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְווֹת כָּרִמּוֹן, וכו' עיין עוד שם בפנים באריכות.

[לב] די "אינערן זיכערהייט און ארדענונג אגענטור" אין ראטן-פארבאנד.

(ר' משה: וועלכער יאר האט מען זיי פארשיקט?) **תרצ"ח האט מען זיי גענומען, און פארשיקט האט מען זיי אין יאר תרצ"ט. ראש השנה תרצ"ט זענען זיי נאך געווען אין אומאן אין תפיסה; אין דעם ווינטער נאכדעם** (תרצ"ט) **האט מען זיי פארשיקט.**

**אזעלכע צדיקים! איך זאל איסמאלן ווער זיי זענען געווען? - אַה!**

**איז אויך א גרויסע זאך וואס זיי זענען דארטן געווען! וואספארא מיני** (תיקונים)**! "ונשאר גם הוא לאלקינו"!**

(ר' משה: ער איז נישט צוריקגעקומען - ר' נחמן שטראקס?) **ר' נחמן איז נישט געווען 'דארטן', ער איז געווען אזוי גלאט אין סיביר. אבער דער וואס גייט 'דארטן', דער קומט נישט צוריק! אז מען קומט אהינצו, דארטן איז נישט שייך מען זאל צוריק קומען. ווער מען שיקט מען אהינצו? אזעלכע חוטאים ופושעים וואס מען וויל נישט זיי זאלן צוריק קומען דארטן רח"ל, צו אינמיטן וועג הרג'עט מען זיי שוין, אזעלכע אידן האט מען דארטן פארשיקט!**

❖ ❖ ❖

## איך ווייס ג-א-ר-נ-י-ש-ט!

[ממשיך ללמוד בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ז, ואח"כ סי' ע"ח]

**די תורה האט דער רבי געזאגט שבת נחמו תק"ע**[לג]**. דעם שבועות פריער האט דער רבי קיין תורה נישט געזאגט, האט דער רבי געזאגט דעם פרייטאג צונאכט: "פארוואס פארט איר צו מיר? איר זענט געקומען צו מיר הערן תורה? איך זאג אייך דאך נישט קיין תורה!** [- דער רבי האט געמיינט - שבועות האט דאך דער רבי קיין תורה נישט געזאגט] **איך ווייס איצטער גארנישט, איך בין איצטער אַן 'איש פשוט'!** [- ער האט געשוואוירן ביים שבת קודש אז ער ווייסט גארנישט[לד]] **איך בין זיך נאר מחיה מיט דער נסיעה פון דעם 'דרך פון ארץ ישראל'!". האט**

---

[לג] עיין כל זה בשיחות הר"ן אות קנ"ג; חיי מוהר"ן רט"ו; ימי מוהרנ"ת ח"א, נ"א.

[לד] חיי מוהר"ן שם; ימי מוהרנ"ת שם.

דער רבי אנגעכאפט דעם 'דרך לארץ ישראל', און דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן דער תורה, און פון דער תורה איז ארויס אינגאנצן דער "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש! קיין יאוש איז גארנישט פארהאנדן!" - דאס איז אלץ ארויס פון דער תורה - פון דאס פשיטות...

## "'ובהכרח' צריכין לבטל איזה שעה"

"בְּעִנְיַן הַנְהָגַת הַפְּשִׁיטוּת שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת. הַיְנוּ כִּי לִפְעָמִים הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא אִישׁ פָּשׁוּט מַמָּשׁ, (שֶׁקּוֹרִין פְּרָאסְטִיק), שֶׁמִּתְנַהֵג עַצְמוֹ בְּדַרְכֵי הַפְּשִׁיטוּת, וְאֵינוֹ מְגַלֶּה שׁוּם תּוֹרָה, וְעוֹסֵק בְּשִׂיחַת חֻלִּין וְכַיּוֹצֵא, וְהוּא אָז בִּבְחִינַת אִישׁ פָּשׁוּט מַמָּשׁ.

פון וואנעט נעמט זיך דאס? ער איז דאך דבוק כסדר אין דעם אויבערשטן, איז דאס דאך נישט צוליב 'זיך', דאס איז דאך געווים נישט צוליב 'זיך', ער קען דאך זיין כסדר דבוק און מטייל זיין אין די עולמות, פארוואס דארף אזוי זיין אז ער מוז זיך אראפלאזן און ווערן אַן איש פשוט? נאר ווייזט אויס, דער קיום עולם קען אנדערש נישט זיין סיידן אז ער מוז אמאל זיין אַן איש פשוט; פארוואס? - זאגט דער רבי:

"דַּע, כִּי עִקַּר הַחַיִּים הִיא הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ' (דְּבָרִים ל), 'וְכָל הַפּוֹרֵשׁ מִן הַתּוֹרָה כְּפוֹרֵשׁ מִן הַחַיִּים' (זֹהַר לֶךְ לְךָ דַּף צב, בְּהַעֲלֹתְךָ דַּף קמח, וָאֶתְחַנַּן דַּף רס). וְעַל כֵּן לִכְאוֹרָה, הַדָּבָר תָּמוּהַּ וְנִפְלָא, אֵיךְ אֶפְשָׁר לִפְרֹשׁ עַצְמוֹ מִן הַתּוֹרָה אֲפִלּוּ שָׁעָה קַלָּה? וּבֶאֱמֶת זֶהוּ מִן הַנִּמְנָע וּבִלְתִּי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת דָּבוּק בְּהַתּוֹרָה, תָּמִיד יוֹמָם וָלַיְלָה, בְּלִי הֶפְסֵק רֶגַע".

עס איז דאך א געוואלד, אויב דאס איז דאך דאס חיות - ווי קען מען זיין א רגע אָן חיות? ווי קען מען דען א רגע נישט לעבן? און דאס קען דאך נישט זיין אז מען זאל תמיד זיין דבוק אָן קיין 'הפסק רגע'?

"וְכָל בַּעַל תּוֹרָה, הֵן לַמְדָן שֶׁעוֹסֵק בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה בְּגמפ"ת [בִּגְמָרָא, פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י, תּוֹסָפוֹת] וְכַיּוֹצֵא, כָּל אֶחָד כְּפִי עֶרְכּוֹ, כְּפִי עֵסֶק לִמּוּדוֹ,

בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּבָּטֵל מֵהַתּוֹרָה אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם. וְכֵן אֲפִלּוּ בַּעַל הַשָּׂגָה, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא גָּבוֹהַּ יוֹתֵר וְיוֹתֵר לְמַעְלָה לְמַעְלָה, אַף עַל פִּי כֵן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיַּפְסִיק וִיבַטֵּל מֵהַשָּׂגָתוֹ אֵיזֶה זְמַן, כִּי אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת דָּבוּק תָּמִיד בְּתוֹרָה וְהַשָּׂגָה בְּלִי הֶפְסֵק. כִּי צְרִיכִין בְּהֶכְרֵחַ לְהַפְסִיק אֵיזֶה שָׁעָה, אִם לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מַשָּׂא וּמַתָּן אוֹ כַּיּוֹצֵא בָּזֶה, כִּי צְרִיכִין לַעֲסֹק בְּצָרְכֵי הַגּוּף גַּם כֵּן.

"וְהַכְּלָל כִּי אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לִהְיוֹת דָּבוּק בְּהַתּוֹרָה וּבַהַשָּׂגָה בְּלִי שׁוּם הֶפְסֵק, וּבְהֶכְרֵחַ צְרִיכִין לְבַטֵּל אֵיזֶה שָׁעָה. וּבְאוֹתוֹ שָׁעָה שֶׁמְּבַטְּלִין מֵהַתּוֹרָה, אֲזַי זֶה הַלַּמְדָן אוֹ הַבַּעַל הַשָּׂגָה הוּא בְּחִינַת אִישׁ פָּשׁוּט מַמָּשׁ (הַיְנוּ פְּרָאסְטִיק). וְלִכְאוֹרָה, זֶה הַדָּבָר קָשֶׁה מְאֹד, אֵיךְ אֶפְשָׁר לִפְרשׁ עַצְמוֹ מִן הַתּוֹרָה אֲפִלּוּ שָׁעָה קַלָּה, הֲלֹא הִיא חַיֵּינוּ וְכוּ', וּמִי הוּא זֶה שֶׁיִּרְצֶה לִפְרשׁ עַצְמוֹ מִן הַחַיִּים אֲפִלּוּ רֶגַע קַלָּה? וְאַף עַל פִּי שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְנָחוֹת צט): 'בִּטּוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ', אַף עַל פִּי כֵן מִי יִתְרַצֶּה בָּזֶה לְהִתְבַּטֵּל מִן הַתּוֹרָה אַף שֶׁזֶּהוּ קִיּוּמָהּ, אַף עַל פִּי כֵן טוֹב יוֹתֵר בְּוַדַּאי לִהְיוֹת דָּבוּק בְּהַתּוֹרָה, אֲשֶׁר הִיא הַחַיִּים וְאֹרֶךְ הַיָּמִים. וּמִי הָאִישׁ אֲשֶׁר יִתְרַצֶּה לִפְרשׁ מִן הַחַיִּים אֲפִלּוּ רֶגַע אַחַת? בִּפְרָט מִי שֶׁזּוֹכֶה לְאַהֲבַת הַתּוֹרָה, וּמַתְמִיד מְאֹד בַּתּוֹרָה, וְדָבוּק בָּהּ מְאֹד, מִכָּל שֶׁכֵּן מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַרְגִּישׁ אֵיזֶה מְתִיקוּת בַּתּוֹרָה, לְחַדֵּשׁ אֵיזֶה חִדּוּשׁ, אֲפִלּוּ אֵיזֶה פְּשָׁט בִּגְמפ"ת, [בִּגְמָרָא, פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י, תּוֹסְפוֹת] מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בַּעַל הַשָּׂגָה, וּבִפְרָט מִי שֶׁזּוֹכֶה לְגִנְזַיָּא דְּמַלְכָּא, וּמַעֲלָה זוֹ אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר בַּמֹּחַ".

- דער וואס איז זוכה צו זוכן דארטן אין די אוצרות פון דעם מלך, דאס קען מען גארנישט משער זיין אין מח!

"וְאֵיךְ יִתְרַצֶּה לִפְרשׁ מִן הַתּוֹרָה אֲפִלּוּ שָׁעָה קַלָּה?! וּבֶאֱמֶת זֶהוּ בִּלְתִּי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת דָּבוּק בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה תָּמִיד כַּנַּ"ל, כִּי בְּהֶכְרֵחַ צְרִיכִין לְבַטֵּל וּלְהַפְסִיק אֵיזֶה שָׁעָה, וְאִם כֵּן בַּמֶּה מְחַיִּין עַצְמָן בְּזוֹ הַשָּׁעָה שֶׁבְּטֵלִין מִן הַתּוֹרָה, הֲלֹא עִקַּר הַחַיִּים הוּא מִן הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל?".

פון דאנעט ווייזט אויס אז דער אויבערשטער פירט אזוי צו אז בהכרח מוז ער זיך אפשיידן, אז נישט וואלט יא דער צדיק געקענט זיין דבוק אין תורה אפילו יעדע רגע טאקע, אפילו בשעת אכילה אויך, ער קען זיין דבוק אין דער תורה כסדר, נאר דער אויבערשטער פירט אזוי צו אז ער מוז (מפסיק זיין איזה שעה); ווייל אז ער מוז מחיה זיין דער וועלט, פירט אזוי דער אויבערשטער צו אז ער מוז זיך אפהאקן, ער מוז ווערן אַן איש פשוט ממש.

אז נישט איז די קשיא פון דעם רבי'ן נישט אזוי צו פארשטיין, ווארום דער צדיק איז דאך דבוק אין דער תורה אויך בשעת'ן עסן, ער איז טאקע קיין רגע נישט אפגעלאזט פון דער תורה, און דא זאגט דער רבי "וזה אי אפשר"?! נאר, מן השמים פירט מען אזוי צו אז עס זאל זיין "בלתי אפשר" און אז ער זאל זיך מוזן אפלאזן פון זיינע השגות און פון זיינע 'גנזיא דמלכא' און ווערן אַן איש פשוט ממש.

דער רבי זאגט דאך אין א תורה[לה], ביים עסן איז דא אזא מין 'הארת הרצון' וואס א געוואלד. איז דאך נישט דער פשט אז דאס עסן רייסט אים אפ; ביים צדיק - דאס עסן רייסט אים דען אפ פון דעם אויבערשטן?! דאס עסן רייסט אים דען אפ פון זיין דביקות?! נאר פון דאנעט ווייזט אויס, אז בהכרח, מן השמים פירט מען אזוי צו אז ער זאל מוזן ווערן אַן איש פשוט.

## 'הדרך' לארץ ישראל, וארץ ישראל 'ממש'

פארוואס זאל דאס טאקע אזוי זיין? נאר עס שטייט טאקע אין דעם היינטיגן מדרש אין "כי תשא"[לו], דער אויבערשטער האט ארויסגעוויזן משה רבינו'ן אלע

[לה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות י'.

[לו] פר' מ"ה, פס' ו', וז"ל: "וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן" (שמות לג, יט). בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הֶרְאָה לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת כָּל הָאוֹצָרוֹת שֶׁל מַתַּן שָׂכָר שֶׁהֵן מְתֻקָּנִין לַצַּדִּיקִים וְהוּא אוֹמֵר הָאוֹצָר הַזֶּה שֶׁל מִי הוּא, וְהוּא אוֹמֵר שֶׁל עוֹשֵׂי מִצְוֹות, וְהָאוֹצָר הַזֶּה שֶׁל מִי הוּא, **שֶׁל מְגַדְּלֵי יְתוֹמִים**, וְכָל אוֹצָר וְאוֹצָר, וְאַחַר כָּךְ רָאָה **אוֹצָר גָּדוֹל** אָמַר הָאוֹצָר הַזֶּה שֶׁל מִי הוּא, אָמַר לוֹ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֲנִי נוֹתֵן לוֹ מִשְּׂכָרוֹ, **וּמִי שֶׁאֵין לוֹ אֲנִי עוֹשֶׂה לוֹ חִנָּם וְנוֹתֵן לוֹ מִזֶּה**, שֶׁנֶּאֱמַר: וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן, וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן, לְמִי שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ לָחֹן, וְכֵן: "וְרִחַמְתִּי אֶת אֲשֶׁר אֲרַחֵם" (שמות לג, יט).

אוצרות - "'דער' אוצר איז אַן אוצר פאר דעם וואס איז 'מגדל יתום בתוך ביתו'" - אזוי דערמאנט דער מדרש, און אזוי רעכנט דארט דער מדרש אויס נאך אוצרות פאר דעם וואס ער טוהט עפעס גוטע זאכן. אבער איין אוצר האט ער געזאגט, 'דאס איז דער גרעסטער אוצר, וואס דער וואס ער האט נישט קיין שום זכות, דער נעמט פון דעם אוצר!' - אזוי זאגט דער מדרש.

דער רבי פארטייטשט דאס אלץ; ווייל אזוי סתם קען מען דאס נישט פארשטיין, צו דען דער וואס האט נישט קיין שום זכות זאל נעמען פון דעם גרעסטן אוצר?!

"אַךְ דַּע, כִּי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת מְחַיֶּה עַצְמוֹ בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן שֶׁהוּא אִישׁ פָּשׁוּט כַּנַּ"ל מֵהַדֶּרֶךְ שֶׁל נְסִיעַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" (וכו' וכו' עיי"ש ההמשך).

דער רבי האט דאך דערמאנט דעמאלט אז ער איז זיך מחיה מיט דעם 'דרך של נסיעת ארץ ישראל'. אונזערע לייט פלעגן זאגן: "**איצטער איז** (אונזער חיות דורך) **דער 'דרך' פון ארץ ישראל; ארץ ישראל 'ממש' וועט טאקע זיין אז משיח וועט קומען!**".

איצטער איז אלץ דער דרך פון ארץ ישראל, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: 'ער איז זיך מחיה מיט דעם דרך פון ארץ ישראל!'. דער רבי האט דאך געקענט זאגן אז 'ער איז זיך מחיה מיט ארץ ישראל'? נאר וואס דען, ער איז זיך מחיה מיטן 'דרך' פון ארץ ישראל; איצטער איז דער 'דרך' פון ארץ ישראל.

## דער וועג קיין ארץ ישראל

["וְזֶהוּ בְּחִינַת הַדֶּרֶךְ שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַנֶּאֱמַר לְמַעְלָה, שֶׁהַצַּדִּיק מְחַיֶּה עַצְמוֹ בְּעֵת פְּשִׁיטוּתוֹ מִשָּׁם. כִּי עִקַּר כֹּחַ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת: 'כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם'. כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י בַּפָּסוּק בְּרֵאשִׁית וְכוּ', שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה פָּתַח בִּ'בְרֵאשִׁית', שֶׁלֹּא יֹאמְרוּ גַּזְלָנִים אַתֶּם וְכוּ', עַל כֵּן פָּתַח בִּבְרֵאשִׁית, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ בָּרָא הַכֹּל, וּבִרְצוֹנוֹ נְתָנָהּ לָהֶם וּבִרְצוֹנוֹ וְכוּ'. נִמְצָא שֶׁעִקַּר כֹּחַ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא מִבְּחִינַת

עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שֶׁבָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם, שֶׁהֵם בְּחִינַת 'כֹּחַ מַעֲשָׂיו', שֶׁעַל יְדֵי זֶה הָיוּ יִשְׂרָאֵל יְכוֹלִים לֵילֵךְ וְלִכְבֹּשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל].

פון וואנעט האבן מיר דעם 'דרך' צו ארץ ישראל? זיי קענען דאך זאגן 'ליסטים אתם'? מען הרג'עט אוים אנשים נשים וטף און מען נעמט צו א לאנד? אבער דורך "כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים", דורך דעם וואס מיר האבן די אמונה אז "בראשית ברא אלקים" וואס דאס איז "כ"ח מעשיו", אט דאס איז דער דרך איינצונעמען ארץ ישראל. זיי קענען נישט זאגן 'ליסטים אתם', ווייל מיר האבן אמונה אז דאס איז דעם אויבערשטנ'ס, עס איז נישט אייערע, דער אויבערשטער האט עס געגעבן אייך - איצטער וויל ער עס אונז געבן.

קומט אוים, מיר האבן נישט קיין דרך צו ארץ ישראל סיידן אז מען האט די אמונה פון 'כח מעשיו'. אט דאס איז ביי יעדן איינעם[לז]; ווען קען איך זוכה זיין? וואס איז דער דרך? דער דרך איז, "כח מעשיו הגיד לעמו"! אז מען האט אין זיך די אמונה, דעמאלט האב איך א וועג קיין ארץ ישראל, דאס איז דער וועג, דעמאלט קען איך האבן ארץ ישראל.

אויב איך האב נישט די אמונה, קענען זיי זאגן 'לסטים אתם', איר האט צוגענומען א לאנד. דאס איז נישט נאר ווייל 'זיי' זאגן 'לסטים אתם', נאר 'למעלה' ווערט א קטרוג - 'אז איר האט נישט קיין אמונה אז "כח מעשיו הגיד לעמו" - וואס האט איר א שייכות צו ארץ ישראל?!'. אבער אויב איך האב דעם דרך פון ארץ ישראל, איך וויים אז דאס איז דעם אויבערשטנ'ס, האב איך א שייכות; אז איך האב דעם דרך, דעמאלט קען איך קומען קיין ארץ ישראל.

---

[לז] כמו שכתוב רביז"ל בעצמו בהתורה בהמשך, וז"ל: וְגַם כָּאן, בְּחוּץ לָאָרֶץ, נִמְצָא בְּחִינָה זוֹ, כִּי יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ בָּאִים לִפְעָמִים בִּמְקוֹמוֹת שֶׁהָיוּ רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, כְּגוֹן בְּמָקוֹם שֶׁהָיוּ מִתְּחִלָּה שֶׁל עַכּוּ"ם, וְגַם עַכְשָׁו הוּא בִּרְשׁוּת מִי שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, וְיִשְׂרָאֵל בָּאִים לְשָׁם, וְכוֹבְשִׁים הַמָּקוֹם וּמְקַדְּשִׁין אוֹתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מָקוֹם יִשְׂרְאֵלִי, שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהָיוּ יְכוֹלִים לוֹמַר גַּזְלָנִים אַתֶּם, שֶׁכְּבַשְׁתֶּם זֶה הַמָּקוֹם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם אַךְ עַל יְדֵי 'כֹּחַ מַעֲשָׂיו', בְּחִינַת 'עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת', עַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לָנוּ רְשׁוּת לִכְבֹּשׁ כָּל הָעוֹלָם וּלְקַדְּשׁוֹ בִּקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ בְּרָאָהּ, וּבִרְצוֹנוֹ נְתָנָהּ לָנוּ. נִמְצָא שֶׁעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שֶׁהֵם מְלֻבָּשִׁין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ, הַיְנוּ בְּיִשּׁוּב הָעוֹלָם, כִּי בָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם, הֵם דֶּרֶךְ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**דער רבי האט אנגעכאפט "הדרך לארץ ישראל" - איך בין זיך מחיה מיט דעם דרך פון ארץ ישראל! ארץ ישראל 'ממש' - דאס וועט זיין** (לעתיד) **פאר אלע אידן!** די צדיקים וואס האבן געהאט דעם דרך פון ארץ ישראל - האבן טאקע געהאט 'ארץ ישראל'; אבער דאס אז עס זאל זיין ארץ ישראל ממש פאר דער גאנצער וועלט, דאס וועט זיין ווען עס וועט נתגלה ווערן די אמונה פון 'כח מעשיו הגיד לעמו', עס וועט ווערן א התפשטות אמונה אין דער גאנצער וועלט, דעמאלט וועט זיין ארץ ישראל ממש!

איצטער דארף יעדער איינער זעהן אז עס זאל אויף אים נישט זיין קיין קטרוג - 'וואס האסטו עפעס א שייכות מיט ארץ ישראל?!' און דאס איז נאר אז ער האט די אמונה פון 'כח מעשיו הגיד לעמו', אט דאס איז דער דרך פון ארץ ישראל. אז נישט קען מען זאגן 'לסטים אתם'.

ווער זאגט 'לסטים אתם'? נישט נאר די אראבער זאגן 'ליסטים אתם', נאר למעלה זאגט מען - 'וואס האסטו עפעס א שייכות מיט ארץ ישראל?!'

דער רבי וועט דאך רעדן ווייטער פון דער אמונה, דארף מען דאך שוין זיין בכלל אַן אנדער מענטש.

(לכאורה) מיר זענען דאך שוין דא אין ארץ ישראל - ווי אזוי בעט מען ביי (ליקוטי) תפילות אז מען זאל קומען קיין ארץ ישראל, מיר זענען דאך שוין דא אין ארץ ישראל? נאר מען בעט אז מען זאל זוכה זיין צו 'קדושת ארץ ישראל'! צו קדושת ארץ ישראל דארף מען האבן טאקע דעם 'כח מעשיו' - אט דאס אלץ וואס דער רבי רעדט ווייטער.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים

מו"ה **חיים**
**ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח משה נ"י

ומו"ה **יצחק מנשה**
**שטיינפעלד** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בתו

למזל טוב

מו"ה **אלימלך נתן**
**שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **יואל טענענבוים** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו למזל טוב
החתונה תתקיים ברצו"ה יום
ב' שמות באולם פרדס פיגא

מו"ה **משה שלמה בלום** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **יואל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח
כמר מרדכי נ"י למזל טוב
החתונה תתקיים ברצו"ה יום
ד' שמות באולם פרדס צבי

מו"ה **יעקב בעריש ווייס** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר**
**נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים